אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

**An Excerpt from *Vetinok Lelamdo Sefer***

by **Katle Kanye**, translation by Daniel A. Kipnis

*In geveb: A Journal of Yiddish Studies* (June 2022)

For the online version of this article:

[https://ingeveb.org/texts-and-translations/vetinok]

# An Excerpt from *Vetinok Lelamdo Sefer*

Katle Kanye
translated by Daniel A. Kipnis

**Introduction:** Published in 2018, Hasidic blogger Katle Kanye's *Vetinok Lelamdo Sefer* ("and teach wisdom to the child," from the Shabbos song 'Mah Yedidus') was and remains an urgent, remarkable work—almost a manifesto—agitating for secular studies in Hasidic boys' yeshivas. Active as a writer and blogger since 2002, the author—known only by his pseudonym of Katle Kanye (an Aramaicized "Joe Schmo")—writes in a neo-Maskilic style of anecdote, polemic, and logical argumentation. *Vetinok Lelamdo Sefer* is just one of Katle Kanye's contributions to a burgeoning Brooklyn Hasidic enlightenment whose intellectual locus is *Der Veker* ("the alarm"), a magazine of ideas, Jewish thought, and arts, and also the publisher of this book. Despite its Orthodox affiliation, *Der Veker*'s pages address the sorts of subjects that mainstream Haredi publications shun, such as poetry, academic work in Jewish Studies, and womens' changing community roles. While it has a loyal following, *Der Veker* can't be found on the newsstands of Boro Park or Williamsburg—Hasidim in the know buy it on Amazon. This book's audience, then, is not the rabbinic establishment, nor the non-Hasidic world, and certainly not the New York State Education Department. *Vetinok Lelamdo Sefer* is written in Yiddish and disseminated through a relatively low-profile publisher to effect a change in perspective among its readership: Hasidic fathers and mothers dissatisfied with the status quo, or at least curious about it.

Over the course of sixteen chapters, Katle Kanye aims to astonish with his detailed allegations of the failures of secular Hasidic education: young adults are unable to sign their English names or perform basic arithmetic calculations; children cannot name the seasons; students have scandalously low levels of knowledge across the board, and even in Judaic subjects. Katle Kanye is a reformer but not a deserter. He remains committed to the Hasidic way of life, and believes that it is not incompatible with secular studies undertaken for both practical and intellectual ends. Unlike nineteenth and early twentieth century Orthodox educational reformers like Avraham Cholodenko (who founded the first "improved cheder""), Katle Kanye does not inveigh against the political and social frameworks of traditional life. His goals are concrete, and he attains them by speaking the language of his audience: Talmud and Torah.

The passage I have translated below is emblematic of the book's conversational yet erudite style, and is excerpted from a longer, intimate analysis of the contradictions in the arguments justifying the current state of Hasidic yeshiva education. The selection is peppered with talmudic intertexts, midrashic stories, and local lore that make it difficult to access for an outsider to the community like myself. I came to it with an interest in both historic and modern Hasidism and familiarity with traditional Jewish sources, but without the deep knowledge that would allow me to identify the origin of, for instance, the story about the rich illiterate man. In the Yiddish, most of these references are not even cited; they are a natural part of the idiom. In translating the text, I have chosen to provide additional context to certain citations, but have by and large maintained the references, which are critical to the piece's style and flow.

*Vetinok Lelamdo Sefer* is groundbreaking in its style, language, and social context. Since its 2018 publication, it has not gone unnoticed among the *Der Veker* readership and in the broader Hasidic community. But it does not appear to have inspired much change yet: as the Hasidic world in the United States grows in size and in resources, the trends in boys' education appear to be the opposite of what Katle Kanye advocates for here.

Per the rabbinic maxim, "all beginnings are difficult."

# An Excerpt from *Vetinok Lelamdo Sefer*

They refuse to look at what's staring them in the face, and come up with the silliest excuses! "Torah study unaccompanied by an occupation is bound to end in failure and leads to sin," says the Mishnah.[1] Rashi and Rambam comment that when there's nothing to eat, one steals from others. This is precisely what we've come to.

The closer we look at arguments in favor of all-consuming Torah study, the more laughable they seem. For those who praise the career prospects of Torah: what kind of jobs does it secure? Not everyone can or wants to be a storeowner or *cheder* teacher or community leader. What about all those other professions—architects, lawyers, engineers, doctors, pilots, or physicists, to name a few—where you can both succeed *and* get the satisfaction of using your talents to get ahead in life? They may say we don't need more school, that we're already astonishingly successful with so little in the way of secular studies—but imagine how much we could achieve with a full, proper education! We'd have infinitely more opportunities.

Ask successful Hasidim if their lack of knowledge holds them back and they'll shrug their shoulders—somehow they get by. Many are actually proud (and rightly so) of what they've achieved in spite of their limitations. But try and ask them why those limitations exist in the first place, or whether they should be maintained, and at best you'll hear the oft-cited story about the rich man who couldn't get hired as a synagogue attendant on account of being illiterate....

Another weak argument against secular education that we hear again and again is that Torah sharpens the mind as effectively as a college degree does. Here's how it goes: many academic disciplines aren't useful or practical, yet their graduates are successful (sometimes even more so than graduates of vocational programs)—so why should the Torah be any different? There's an element of truth to this argument that I'll elaborate on further down. But with respect to making an income, though, this argument is a weak and superficial one.

First of all, toiling over a Gemara night and day isn't an excuse for not knowing how to write properly (as we know all too well is the case with many of our "scholars"). Nor is it any excuse for not speaking English properly, for not being competent in basic math, or for wandering aimlessly as an adult with what barely passes for a twelve year old's vocabulary.

On top of that, those who succeed in business are, more often than not, the weaker Talmud students. In fact, some are total ignoramuses—it's precisely the failure to become a successful student that drives them to enter business in the first place. What's more, it's the opposite with those who are actually strong in Gemara—they often have a more academic bent, without any of the "business acumen" their studies supposedly

[1] Mishnah Pirkei Avot 2:2. (Translator's Note)

help develop. "Torah and wealth in one place"[2] is an illustrious label precisely because of the rarity of what it describes…

The lack of consistency is glaring. Apologists will argue that the the ultimate goal of "*Toraso Umanuso*"[3] (Torah as a sole occupation) justifies a lack of secular studies: children should be prepared for a life of toiling only in Torah, day and night, with faith that divine providence will cover the rest. But when it's convenient, they make the opposite argument: that Torah provides just as much practical training as secular studies do.

These claims are obviously in conflict. If Torah study is our very lifeblood and we toil in it while trusting that God will provide, then Torah is no substitute for secular studies; Torah is to be learned *because it is a mitzvah*. This is why we drudge away at it, even if all it brings is "mikomon shel zevochim".[4] This bifurcated way of thinking—that Torah study is at once cosmically obligatory for its own sake *and* a means to a practical end—results in a botched doublethink that only weakens the whole argument.

If the claim is that Torah is actually a replacement for secular studies, and that by learning it we absorb the sum total of the world's knowledge, we should ask ourselves if there isn't a better way of acquiring that knowledge. If it could be shown (as it inevitably can) that a person's talents would be better developed by proper exposure to secular studies, then our apologists would have to admit defeat against their will, and sit themselves down to labor over algebra or the DNA helix.

What's more, the argument that Torah prepares us for making a living, even if it were true, is all well and good—but only when it comes to the academically-minded. For them, it may indeed be the case that Torah learning isn't any different than the academic study of criminal and civil law. The Gemara itself states "harotzeh sheyakhkim, ya'asok bedinei mamonos"[5]: certain tractates can sharpen the mind, and that sharpness could be applied to other things.

The problem, however, is that not everyone is talented enough to be a lawyer with a penchant for complicated texts and acrobatic argumentation. In the world at large there's a dazzling array of disciplines—medicine, physics, chemistry, history, literature, social science, and hundreds of others, each leading to hundreds more. But for a *cheder-boy,* a *yeshiva-bochur*, or a *kollel-yungerman*, there is merely one path—the law—and the only choice is which branch to study. Moreover, most talmudic laws have no application to modern life, and their study is of little practical use.

---

[2] Talmud Bavli Gittin 59a. (Translator's Note)
[3] Talmud Bavli Shabbat 11a. (Translator's Note)
[4] "The locations of offerings" Mishnah Zevachim 5:1 . "The locations of offerings" is a metonym for highly detailed spiritual work. (Translator's Note)
[5]"One who wants to become wise should engage in the study of monetary law," Mishnah Bava Batra 10:8. (Translator's Note)

So, if the Gemara is as good as any other education, then what occupation is left for those talented students who don't have a head for the law? Do we just write them off? Don't they deserve to make a living in the world? On top of that, many of those who *are* suited to studying law also give up, because even they can't spend every hour of every day studying one impractical document. Attorneys in this country study many other subjects before they start studying law, while our "Gemara-lawyers" are confined to the Talmud's narrow legal conundrums.

Finally, there's a more general argument to consider. We're part of society at large, and the nation's economy needs productive and knowledgeable citizens. "*Lamah nigara*?" Why opt out?[6] We benefit from the state, so we must contribute to it. A modern country and its economy need engineers, mathematicians, programmers and many other experts. As citizens of our country, we too have a moral duty to contribute to its science and its knowledge, and to prepare our children for the future—for the sake of the greater good.

[6] Numbers 9:7. (Translator's Note)

# ותינוק ללמדו ספר

אָט אַזאַ פּנים האָבן די אַלע טענות פון די וואָס קענען נישט און ווילן נישט זען דאָס וואָס שיינט זיי אין די אויגן. ווייל היש לך ליסטות גדולה מזו? דאָס מיינט טאַקע די משנה "וכל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה וגוררת עון", ווי רש"י און דער רמב"ם זאָגן אַז מען האָט נישט צו עסן באַרויבט מען ביי אַנדערע.

אַז מען קוקט אָבער ברייטער זענען די טענות סייווי פיל מער לעכעריג. נישט יעדער איז פעאיג אָדער וויל זיין אַ סוחר, אַ סעלסמאַן, האַלטן אַ קלייט, אַ מלמד אָדער אַן עסקן. וואָס איז מיט אַרכיטעקטן, אַדוואָקאַטן, אינזשענירן, דאָקטוירים, פּילאָטן, פיזיקער און אַלע אַנדערע פּראָפעסיעס אין וואָס מען קען סיי מצליח זיין און סיי שפּירן אַ צופרידנקייט אַז מען נוצט די אייגענע טאַלאַנטן און כשרונות צו שטייגן אין לעבן? אַז מיר זענען טאַקע אַזוי מצליח מיט אַזוי ווייניג לערנען וואָלטן מיר דאָך געקענט איינגעמען די וועלט ווען מען זאָל געהעריג לערנען און די געלעגנהייטן וואָלטן געווען טויזנט מאָל ברייטער און מער פאַרשפּרייט. פרעגט אויך די מוצלחים צי עס שטערט זיי נישט אַז זיי קענען ווייניג און צי עס האַלט זיי נישט צוריק און זיי ציען מיט די פּלייצעס אַז מען גיט זיך אַן עצה. אַ סך זענען טאַקע שטאָלץ, און מיט רעכט, אַז זיי קומען אויס און זענען מצליח טראָץ זייערע באַגרעניצונגען. פרעגט אָבער פאַרוואָס די באַגרעניצונגען זענען דאָרט לכתחילה און צי זיי וואָלטן נישט געקענט באַשטיין יאָ בעסער צו קענען און צום בעסטן וועט מען ענטפערן מיט דעם שיינעם מעשה'לע פון דעם גביר וואָס מען האָט נישט געוואָלט אָננעמען אַלץ שמש ווייל ער האָט נישט געקענט שרייבן.

נאָך אַן אָפּט געהערטע טענה איז אַז תורה שאַרפט אויס דעם מוח פּונקט ווי אַ קאַלעדזש־דיפּלאָם און ממילא פּונקט ווי אַ סך פון די אַקאַדעמישע לימודים זענען נישט למעשה'דיג און לשם אַ פאַך און דאָך זענען גראַדואַנטן מער מצליח, אַזוי אויך דאַרף תורה נישט זיין אַנדערש. עס ליגט טאַקע אין דעם אַן אמת און איך וועל מיך אָפּגעבן דערמיט מער באריכות שפּעטער. נאָר לגבי פרנסה איז די טענה גאָר אַ שוואַכע און אויבערפלעכליך.

ראשית־כל, דער פאַקט אַז מען קוועטשט לאַנגע שעה'ן במשך פילע יאָרן איבער אַ גמרא איז נישט קיין תירוץ אַז מען זאָל נישט קענען געהעריג שרייבן אויף קיין שום שפּראַך ווי עס טרעפט זיך ביי אפילו אַ סך פון די לומדים. עס איז אויך נישט קיין תירוץ נישט צו קענען אפילו רעדן געהעריג ענגליש און רעכענען און זיך אַרומדרייען ווען מען איז עלטער מיט קוים דעם וואָקאַבולאַר פון אַ צוועלף־יעריג אינגל. אויסער דעם אַז מען קוקט זיך אום זענען די מוצלחים אין ביזנעס גאַנץ אָפּט פון די שוואַכערע לערנער און צומאָל עם־הארצים גמורים. דייקא די וואָס זענען ווייניגער מצליח אין לערנען גייען געווענליך אַרויס אין מסחר. אַזוי אויך פאַרקערט – די וואָס שאַרפן זיך אויס די קעפּ אויף גמרא זענען אָפּט מיט אַ מער אַקאַדעמישער נייגונג און גאָרנישט די שאַרפע ביזנעסקעפּ וואָס מען פאַרקויפט זיי צו זיין. תורה וגדולה במקום אחד איז אַ טיטל טאַקע פאַרדעם ווייל עס מאַכט זיך נישט פון זיי צופיל.

עס איז אויך דאָ אַ געוויסע סתירה ווען אַמאָל טענה'ט מען אַז דער ציל איז תורתו אומנתו ווייל קינדער דאַרף מען צוגרייטן צו והגית בו יומם ולילה און פרנסה וועט שוין קומען פון הימל. ווייטער ווען עס לוינט זיך טענה'ט מען אויף פאַרקערט, אַז תורה גרייט צו דער קאָפּ פּונקט ווי לימודי חול און ממילא איז תורה גאָר אַ בְּמקום פאַר לימודי־חול.

די טענות זענען זיך אָבער סותר. ווייל אויב מען לערנט תורה ווייל כי הם חיינו און אַז מען האָרעוועט אין תורה און מען האָט בטחון וועט גאָט צושטעלן דעם רעשט, הייסט עס אַז די תורה איז נישט אַנשטאָט לימודי חול נאָר תורה מוז מען לערנען ווייל עס איז אַ מצווה. און פאַרדעם דאַרף מען זיך דערין פּלאָגן אפילו אַז מען האָט נישט דערפון מער ווי איזהו מקומן של זבחים.

ווייטער אויב איז די טענה אַז תורה איז טאַקע יאָ אַנשטאָט לימודי־חול און מיט תורה קען מען קונה זיין אַלע אַנדערע ידיעות, הייסט עס אַז מען לערנט תורה טאַקע אויפצוצוגרייטן צו אַ לעבן פון פרנסה. נאָר לפי דעם טאָמער וועט אויסקומען אַז מען קען זיך מער אויסשאַרפן געוויסע חושים און טאַלאַנטן מיט לימודי־חול און ביי דעם קען מען זיך אויך מער אויסברייטערן די ידיעות און פאַרשטאַנד וועלן די אַפּאָלאָגיסטן בעל־כרחך מוזן מודה זיין צו אונז און זיך באַלד זעצן האָרעווען אויף אַלגעברע און צו פאַרשטיין די־ען־עי.

נאָך מער, די טענה אַז תורה גרייט צו צו פרנסה, אפילו ווען עס זאָל זיין אמת, איז אויך פיין און וואויל פֿאַר אַדוואָקאַטישע קעפּ. פֿאַר זיי קען טאַקע זיין אַז דיני־תורה איז נישט אַנדערש ווי דער אַקאַדעמישער חלק פון אַלגעמיינע ציווילע און קרימינעלע געזעצן פון דינא־דמלכותא. ווי די גמרא זאָגט טאַקע הרוצה שיחכים יעסוק בדיני ממונות, דאָס הייסט אַז געוויסע מסכתות און סוגיות שאַרפן אויס דעם קאָפּ און אַנטוויקלען דעם מוח, און די שאַרפקייט קען מען דערנאָך אויסנוצן צו אַנדערע זאַכן.

די פּראָבלעם איז נאָר אַז נישט יעדער איז אַ בעל־כשרון צו זיין אַ צוקונפטיגער אַדוואָקאַט מיט אַ פעאיגקייט צו קאָמפּליצירטע טעקסטן און אַקראָבאַטישע גג־על־גג פלפולים. בשעת ווען אין דער אַלגעמיינער וועלט איז דאָ אַ ברייטער אויסוואַל פון מעדיצין, פיזיק, כעמיע, היסטאָריע, ליטעראַטור, סאָציאַלער וויסנשאַפט און נאָך הונדערטער פעלדער פון וויסנשאַפט וואָס יעדעס איינע צווייגט זיך ווייטער אויס אויף נאָך הונדערטער אופנים, איז פֿאַרן חדר־אינגל, דעם ישיבה־בחור און דעם כולל־יונגערמאַן דאָ בלויז איין שטראָז פון געזעצן און דער אויסוואַל איז אינגאַנצן אין וועלכער צווייג פון די געזעצן. וויבאַלד אַ סך פון די געזעצן זענען נישט נוגע צו אונזער מאָדערנעם לעבן זענען אויך די לימודים ענליך באַגרעניצט, אַזוי אַז אַ גרויסער חלק האָט נישט קיין שום פּראַקטישע נוץ.

איז לפי דער טענה אַז די גמרא שאַרפט אויס פּונקט ווי אַנדערע בילדונג, וויאַזוי ווען זיי באַשעפטיגן די בעלי־כשרונות וואָס זענען נישט יוריסטיש און לעגאַליסטיש געשטימט? איז מען זיי פשוט מפקיר? זענען זיי נישט ראוי צו פֿאַרדינען וויבאַלד זייער קאָפּ שאַרפט זיך נישט אויס מיט חוקים ומשפטים? און ביי די קעפּ וואָס זענען יאָ צו דעם געאייגנט פֿאַלן אויך אַ סך אַוועק ווייל אפילו זיי קענען נישט איבער דעם פֿאַרברענגען כמעט יעדע שעה פון יעדן טאָג איבער זייערע אַלע שולע־יאָרן, אָדער ווייל זיי דאַרפן עפּעס מיט מער פּראַקטיק דערצו. אַדוואָקאַטן אין דער ברייטערער וועלט לערנען פיל אַנדערע לימודים ביז זיי קומען אָן צו שטודירן געזעצן, משא"כ ביי אונז קען דער גמרא־"לויער" גאָרנישט עפּעס אַנדערש ווי די אָ שמאָלע לימודים.

דערנאָך איז דאָ אַ מער כלליות׳דיגע טענה. אַז מיר זענען אַ חלק פון אַ גרעסערער געזעלשאַפֿט און אַז די עקאָנאָמיע פון דער מדינה דאַרף פּראָדיקטיווע און וויסנשאַפטליכע בירגער, איז למה נגרע? מיר געניסן פאון דער מדינה און ממילא מוזן מיר אויך נושה־בעול זיין. די עקאָנאָמיע מוז בעל־כרחך האָבן אינזשענירן, מאַטעמאַטיקער, פּראָגראַמירער און נאָך מומחום אין אַלערליי פעלדער וואָס אָן זיי קען מען קוים וואַרפן אַ קנעפּל, און ווער רעדט נאָך פאון פירן אַ מאָדערנע מדינה וואָס אָן זיי איז אי אפשר להתקיים אפילו שעה אחת. ממילא ווי אַ בירגער און אַ חלק פאון דער מדינה מוזן מיר אויך צושטייער געבן מיט וויסנשאַפט און צוגרייטן אונדזערע דורות אויף דער צוקונפֿט אויך לטובת־הכלל.